**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/17/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**לכבוד ׳פאטערס טאג׳, האט גאווערנער האוקול געמאלדן אז רעקארד צאלן ניו יארקער פאטערן האבן געניצט לאנד-ווערגווייזיגע געצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם אין 2021**

***ניי צוגעשטעלטע אינטעראקטיווע דאַטעבעיס ווייזט אז מער ארבעטער ניצן אויס די שטערקסטע פראגראם אין דעם יעדעס יאר אויף אנקניפן א קשר מיט זייערע קינדער און אויפפאסונג פאר פאמיליע מיטגלידער***

***באקומט דעם אינטעראקטיוון דאַטעבעיס [דא]***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז א רעקארד צאל ארבעטער האבן אויסגעניצט ניו יארק׳ס היסטארישער געצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם אויף זיך נאענטער אנקניפן מיט זייערע קינדער אדער אויפפאסונג פאר אן ערנסט-קראנקער פאמיליע מיטגלידער אין 2021. די דאטא, ארויסגעגעבן אין אן אינטעראקטיווע דאַטעבעיס, ווייזט אז אין די ערשטע פיר יאר פון דעם פראגראם איז דער אלגעמיינער אויסניץ ראטע — די צאל מענער וועלכע נעמען פאטערליכע אורלויב — יעדעס יאר, און די דורכשניטליכער צייט אפשניט האט זיך געהעכערט יעדעס יאר. נאך מער, באצאלטע פאמיליע אורלויב באניץ איז די העכסטע מיט נידעריגע און מיטלמעסיג-פארדינענדע ארבעטער.

״קיינער זאל נישט דארפן אויסוועלן צווישן אויפפאסן פאר א באליבטער און א פעי-טשעק, אזוי היינטיגע געפינסן צייגן ווי קריטיש-וויכטיג עס איז באצאלטע פאמיליע אורלויב, איבערהויפט פאר ארבעט-קלאס ניו יארקער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דעם ׳פאטערס טאג׳ בין איך איבערהויפט דערפרייידט צו זען אז מענער האבן אזוי ענטוזיאסטיש אויסגעניצט די בענעפיט אויף אויפצופאסן פאר און זיך אנקניפן א קשר מיט זייערע קינדער און אז מער פון זיי נעמען באצאלטע פאמיליע אורלויב יעדעס יאר.״

״די באצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם האט געגעבן ניו יארקער ארבעטער די בייגזאמקייט צו שטעלן פאר וויכטיג דאס וואס מאכט אויס דאס מערסטע: פאמיליע,״ **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער דעלגאדא.** ״אלס א מאן, און אלס פאטער צו צוויי יונגע יונגלעך, ווייס איך ווי קריטיש-וויכטיג עס איז באצאלטע אורלויב ווען מען דארף אייך האבן אינדערהיים אויף אויפצופאסן אויף אייערע קינדער אדער א באליבטער. דעם ׳פאטערס טאג׳ אפלאדיר איך אלע טאטעס וועלכע האבן אויסגעניצט דעם קריטיש-וויכטיגן פראגראם און איך מוטיג אייער ווייטערדיגע אנטשלאסנקייט צו אקטיווע פאמיליע באשעפטיגונג און באטייליגונג.״

אין 2016 האבן בלויז 13 פראצענט פון ארבעטער איבער׳ן לאנד געהאט געצאלטע פאמיליע אורלויב. זייט ניו יארק האט דורכגעפירט דעם לאנד-ווערגווייזיגן געזעץ צושטעלנדיג געצאלטע פאמיליע אורלויב צו איבער 7.5 מיליאן ארבעטער, זענען איבער 543,000 פאמיליע אורלויב פאדערונגען געצאלט געווארן אין לויף פון די ערשטע פיר יאר פון דעם פראגראם, מיט א רעקארד הויכע צאל פון 146,708 פאדערונגען אין 2021.

**דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס סופעראינטענדענט עדריענע עי. העריס האט געזאגט,** ״איך לויב גאווערנער האוקול פאר׳ן אוועקשטעלן ניו יארק אלס אן אנגייענדע פירער אין באצאלטע פאמיליע אורלויב. דער סטעיט׳ס באצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם איז קריטיש-וויכטיג אויף צו פארזיכערן די פינאנציעלע סטאביליטעט פון אלע ניו יארקער, פארזיכערנדיג דערמיט אז ארבעטער קענען אראפנעמען צייט אן קיין נעגאטיווע קאנסעקווענצן ווי פארלירן א דזשאָב אדער א פארלירן א באדייטנדע סומע איינקונפט. די דאטא היינט צוגעשטעלט דורך א נייע פובליק דאַטעבעיס וועט ערמעגליכן פאר סיי וועמען נאכצושפירן די ערפאלג פון דעם פראגראם און קען זיין א מיטל פאר אנדערע סטעיט און פעדעראלע קערפערשאפטן איינצופירן ענליכע פראגראמען.״

**ניו יארק סטעיט ׳ארבעטער פארגוטיגונגס באָורד׳ פארזיצערין קלעריסע עם. ראדריגעז האט געזאגט,** ״עס איז וואונדערבאר צו זען אז געצאלטע פאמיליע אורלויב העלפט ניו יארקער, און איבערהויפט נידעריגע-איינקונפט ארבעטער, וועלכע וואלטן אנדערש נישט געקענט זיין מיט זייערע פאמיליעס אין א צייט פון נויט. ביז היינט זענען געצאלט געווארן איבער א האלב מיליאן פאמיליע אורלויב פאדערונגען פאר ארבעטער וועלכע האבן זיך גענייטיגט אין דזשאָב-אפגעהיטענע אראפגענומענע צייט פון די ארבעט, צי עס איז אויף צו פארשטערקערן זייער קשר מיט א נייע קינד, צי אויף אויפצופאסן אויף א פאמיליע מיטגליד מיט אן ערנסטן געזונטהייט צושטאנד אדער שטיצן פאמיליע בשעת׳ן זיין ארויסגעשיקט אויף אויסלאנד אין מיליטערישע דינסט. מיר שטאלצירן זיך אז ניו יארק׳ס שטארקע געצאלטע פאמיליע אורלויב טוט ווירקליך העלפן בויען שטארקע פאמיליעס.״

**סטעיט סענאטאר דזשאסעף פי. אדאבא דזשוּניאר האט געזאגט,** ״זינט איר איינפירן, איז ניו יארק סטעיט׳ס געצאלטע פאמיליע אורלויב געווען אינסטרומענטאל אין צושטעלן פאר ניו יארקער די מעגליכקייט אויפצופאסן פאר זייערע באליבטע און די צוגעלייגטע דרוק פון פארלירן קריטיש-וויכטיגע געהאלט אדער, נאך ערגער, זייער דזשאָב. עס איז דערמוטיגנד צו זען אזויפיל נידעריגע און מיטלמעסיגע געהאלט ארבעטער אויסניצן און געניסן פון ניו יארק׳ס אויספירליכער פראגראם. איך קוק ארויס אויף 2023 ווען מיין ביל צו פארברייטערן דעם פראגראם נאך מער, אריינצורעכענען אויך געשוויסטער אויפפאסונג, וועט אריינגיין אין קראפט. איך בין דאנקבאר אז גאווערנער האוקול אנערקענט די וויכטיגקייט פון פארברייטערן אונזער ערפאלגרייכן פראגראם, שטעלנדיג ניו יארק נאך ווייטער פאראויס פון דעם לאנד ווען עס קומט צו געבן ארבעטער א געלעגנהייט צו שטעלן פאמיליע אינטערעסן בעפאר אלעם.״

**סטעיט סענאטארקע דזשעסיקע ראַמאָס האט געזאגט,** ״ניו יארק׳ס באצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם איז א מוסטער פאר׳ן איבעריגן טייל פון דעם לאנד. איך האף אז דער פראגראם׳ס ערפאלג קען אויך דינען אלס א דערמאנונג אזוי ווי מיר בויען צוריק איבער ניו יארק׳ס סעיפטי נעץ אויף אנדערע וועגן. פארברייטערטע, צוטריטליכע בענעפיטן וועלכע זענען צו באקומען פאר אלע ארבעטער אין אונזער ארבעטסקראפט פארזיכערן אז די נויט פאר אויפפאסונג קומט נישט אין קאנקורענץ מיט די נויט צו פארדינען אויף צום לעבן.״

**אסעמבלי-מיטגליד קעטי נאולען האט געזאגט,** ״איך דאנק גאווערנער האוקול פאר ארויסהייבן ניו יארק׳ס געצאלטע פאמיליע אורלויב דעם ׳פאטערס טאג׳. אלס די הויפט ספאנסירער פון דעם ביל פאר פילע יארן אין דער אסעמבלי, איז עס באלוינענד צו זען די פאזיטיווע השפעה וואס דער פראגראם האט געהאט אויף אזויפיל פון אונזערע פאמיליעס זינט זי איז איינגעפירט געווארן, סיי אין מיין דיסטריקט און סיי איבער׳ן סטעיט. עס איז מיין האפענונג אז זינט דאס דורכפירן A10224A/ S09167A, וועלן ווייטערדיגע שטודיעס צושטעלן פאר דער גאווערנער און לעגיסלאטור די אינפארמאציע נייטיג אויף צו פארזיכערן באצאלטע פאמיליע אורלויב׳ס אנגייענדע פארברייטערונג און ערפאלג. עס איז קריטיש-וויכטיג אז מיר זאלן העכערן באוואוסטזיניגקייט איבער די מעלות פאר פאמיליעס אין סיי וועלכן פארעם,

גרויס און קליין, ווייטער ארבעטן אויף אפצושאפן מניעות אויף צוטריט, און פארזיכערן אז ניו יארקער וועלכע נייטיגן זיך צו זיין מיט זייערע פאמיליעס אין קריטיש-וויכטיגע צייטן האבן די פינאנציעלע זיכערהייט און בייגזאמקייט דאס צו טון.״

**אסעמבלי-מיטגליד לאטאיע דזשאינער האט געזאגט,** ״אזוי ווי מיר מאכן זיך גרייט אויף זיך צו פרייען לכבוד ׳פאטערס טאג׳, ווייזט די דאטא אז פאטערס לענגאויס ניו יארק ניצן אונזער סטעיט׳ס פאמיליע אורלויב געזעץ צו שטערקער זיך פארקניפן מיט פאמיליע דורך שפילן א גרעסערע ראלע אין די לעבנס פון זייערע קינדער און צושטעלן שטיצע פאר זייערע באליבטע. ניו יארק׳ס פאמיליע אורלויב געזעץ איז א געשיכטע פון אמת׳ע הצלחה, און איך קוק ארויס אויף צו ארבעטן מיט גאווערנער האוקול אזוי ווי מיר מאכן ניו יארק נאך מער א צוציענדער פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און האדעווען א פאמיליע.״

**אסעמבלי-מיטגליד סענדי גאלעף האט געזאגט,** ״פאטערס זענען קריטיש-וויכטיג צו די אנטוויקלונג פון קינדער און עס איז וויכטיג זיי זאלן קענען זיך אנקניפן מיט זייערע ניי-געבוירענע קינדער — אדער אויב איינע פון זייערע קינדער האט א צושטאנד אין וועלכע זיי נייטיגן זיך אין עקסטערע שטיצע, איז דער לעצטער זאך וואס א פאטער דארף האבן איז זיך זארגן איבער די סטאטוס פון זיין ארבעט. אום ׳פאטערס טאג׳ היי-יאר, אנערקען איך די זעלבסטלאזע אויפפאסער וועלכע באזארגן פאר די קינדער פון אונזער סטעיט, און איך בין שטאלץ אז דא אין ניו יארק טוען מיר אנבאטן באצאלטע פאמיליע אורלויב כדי אז די טאטעס קענען אלעמאל שטעלן אלס הויפט-וויכטיג די געברויכן פון זייערע פאמיליעס.״

**׳א בעטער באלאנס׳ מיט-גרונדערין און מיט-פרעזידענטקע שערי לעיוואנט האט געזאגט,** ״׳א בעטער באלאנס׳ אפלאדירט דעם ניו יארק דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס און דעם ׳ארבעטער פארגוטיגונגס באָורד׳ פאר זאמלען און ארויסגעבן דייטליכע איינצלהייטן איבער דאס באניץ פון ניו יארק׳ס היסטארישע באצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם. די דאטא איז קריטיש-וויכטיג פאר אונזער סטעיט צו פולקאם פארשטיין די ברייט-ארומנעמענדע תוצאות פון דעם ׳געצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם׳. די נייעס אז דאס באניץ טוט בלויז שטייגן און אז עס געניסן פון דעם פראגראם נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע ניו יארקער ציי‎גט די וויכטיגקייט פון באצאלטע פאמיליע אורלויב פאר ניו יארקער פאמיליעס. די נייעס אז סיי טאטעס און סיי מאמעס ניצן אויס דעם פראגראם איז פאנטאסטישע נייעס פאר קינדער און פאמיליעס לענגאויס דעם סטעיט און פאר׳ן ציל אויף וועלכע מיר זענען אלע פאראייניגט, פון שטארקע פאמיליעס און דזשענדער גלייכקייט פאר יעדן.״

**פרעזידענט און CEO פון ׳קאמיוניטי סערוויס סאָסייעטי פון ניו יארק׳ דעיוויד אר. דזשאונס האט געזאגט,** ״אלס איינע פון די ערשטע אדוואקאטן פון באצאלטע פאמיליע אורלויב איז עס באגייסטערנד צו זען אז דאס אויסניצן באצאלטע פאמיליע אורלויב איז געשטיגן זינט עס איז איינגעפירט געווארן. דורך גרינגער מאכן פאר עלטערן זיך שטערקער אנצוקניפן מיט זייער ניי-געבוירן קינד אדער אויף אויפצופאסן אויף אן אנדערער פאמיליע מיטגליד, העלפט דער באצאלטע פאמיליע אורלויב פאר ארבעטער זיך בעסער אן עצה צו געבן מיט סיי ארבעט און סיי אויפפאסונג פאראנטווארטליכקייטן און העלפט זיי צו זיין מער פראדוקטיוו. CSS קוקט ארויס צו ארבעטן מיט די סטעיט אויף פארצוזעצן העכערן באוואוסטזיניגקייט פון דעם בענעפיט.״

הויפט געפינסן פון די דאטא נעמען אריין:

- די צאל פאדערונגען איז געשטיגן יעדעס יאר פון דעם פראגראם, אויסער א קליינע מינערונג אין 2020, ווארשיינליך צוליב תוצאות פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע. ניו יארק׳ס געצאלטע פאמיליע אורלויב אויסניץ ראטע (די פראצענט פון געדעקטע ארבעטער וועלכע האבן געניצט דעם בענעפיט אין א געוויסע יאר) איז כסדר געשטיגן

יעדעס יאר, פון 1.65 פראצענט אין 2018 ביז 1.85 פראצענט אין 2019, 1.86 פראצענט אין 2020, און 1.91 פראצענט אין 2021.

- דער בענעפיט ווערט צום מערסטנס גענוצט דורך עלטערן צו נעמען צייט אויפצופאסן און זיך אנקניפן א קשר מיט א ניי-געבוירן קינד, א ניי אדאָפּט׳עט קינד, אדער אריינגענומען א קינד אויף אויפציען צייטווייליג, מיט 83,500 פאדערונגען געמאכט אין 2018; 101,700 אין 2019; 98,700 אין 2020; און 105,900 אין 2021.
- מער מענער נעמען פאטערליכע אורלויב יעדעס יאר אויף אויפצופאסן און זיך שטערקער אנקניפן מיט זייערע קינדער. דער פראצענט פון באצאלטע פאמיליע אורלויב פאדערונגען אויף זיך אנצוקניפן שטערקער מיט א קינד געמאכט דורך מענער איז געשטיגן יעדעס יאר: 30.7 פראצענט (25,674 פאדערונגען) אין 2018; 33.2 פראצענט (33,732 פאדערונגען) אין 2019; 36.3 פראצענט (35,860 פאדערונגען) אין 2020; און 38.2 פראצענט (40,477 פאדערונגען) אין 2021;
- מער און מער מענטשן טוען אויפפאסן אויף ערנסט קראנקע פאמיליע מיטגלידער. 27.8 פראצענט פון פאדערונגען זענען פון ניו יארקער וועלכע נעמען אראפ צייט אויפצופאסן אויף אן ערנסט קראנקער פאמיליע מיטגליד, און דאס מערסטע, צו נעמען צייט אויפצופאסן אויף קראנקע עלטערן.
- די דורכשניטליכע צייט אראפגענומען איז געשטיגן יעדעס יאר פון 5.5 וואכן אין 2018 אויף 7.7 וואכן אין 2021.
- באצאלטע פאמיליע אורלויב באניץ איז די העכסטע מיט נידעריגע און מיטלמעסיג-פארדינענדע ארבעטער. די העכסטע ראטעס פון באניץ אין 2018, 2019, און 2020 זענען געווען פאר ארבעטער וועלכע פארדינען וויניגער ווי 40,000 דאלער יערליך, (38,005, 41,752, און 34,953 פאדערונגען אין יעדע באזונדער) און אין 2021 איז די העכסטע באניץ געווען פון ארבעטער מיט יערליכע איינקונפט צווישן 40,000 און 60,000 דאלער (34,517 פאדערונגען).

ווייטער ווייזט ארויס דער באריכט אז ניו יארק סטעיט ארבעטער אין יעדן ראיאן פון ניו יארק האבן אויסגעניצט דעם לאנד-וועגווייזיגן בענעפיט. פאדערונגען לויט׳ן ראיאן אין 2021 רעכענען אריין:

- ניו יארק סיטי (44,203)
- לאנג איילענד (21,516)
- מיטל-הודסאן (15,172)
- מערב ניו יארק (13,115)
- פינגער לעיקס (11,446)
- קאפיטאל ראיאן (8,862)
- צענטראל ניו יארק (5,474)
- סאוטערן טיער (4,257)
- מאוהאק וואלי (3,531)
- נארט קאנטרי (2,727)
- נישט ספעציפיש אדער אויסער׳ן-סטעיט (16,639)

ניו יארק'ס באצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם, אין קראפט זינט 2018 — איז אן ארבעטער-געצאלטע אינשורענס וועלכע גיבט ארבעטער דזשאָב-באשיצע, באצאלטע צייט אראפצונעמען פון די ארבעט כדי צו פארברענגען מיט א ניי-געבוירן קינד, א נייאדאפטירטן קינד אדער ניי אריינגענומען אויף אויפציען, אויפפאסן אויף א פאמיליע מיטגליד מיט אן ערנסטע געזונטהייט צושטאנד (וואס קען

אריינרעכענען שווערע פעלער פון קאָוויד-19), אדער העלפן באליבטע ווען א פאמיליע מיטגליד ווערט אפגעשיקט אויף אויסלאנד אין מיליטערישע דינסט.

אין 2021 האט גאווערנער האוקול אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו פארברייטערן די בענעפיטן אויף צו ערמעגליכן פאר ניו יארקער אראפצונעמען צייט אויף אויפצופאסן פאר ערנסט קראנקע געשוויסטער. דער נייע בענעפיט וועט אריינגיין אין קראפט אין 2023. באצאלטע פאמיליע אורלויב קען אויך זיין צו באקומען אין געוויסע אומשטענדן ווען אן ארבעטער אדער זייער קליינעם אנגעוויזענעם קינד איז אונטער א באפעל פון קוואראנטין אדער זיך איזאלירן צוליב קאוויד-19. בארעכטיגטע ארבעטער קענען אראפנעמען פון די ארבעט ביז 12 וואכן און באקומען 67 פראצענט פון זייער געהאלט (ביז א געוויסע מאס) אין צייט פון נויט.

פאר פולע דעטאלן איבער דעם ניו יארק סטעיט באצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם, אריינגערעכנט וויאזוי זיך ווענדן פאר אורלויב, באזוכט PaidFamilyLeave.ny.gov.

אויף צוצוקומען צו דעם DFS אינטעראקטיוון דאַטעבעיס אויף ניו יארק סטעיט באצאלטע פאמיליע אורלויב אויסניץ, באזוכט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418